# די שטערן אַליין

פון לייבל באָטוויניק –

> קיצור פון פריער : מדינת ישׂראל האָט אַרויסגעשיקט אין קאָסמאָס די ערשטע הימל-שיף „שלום-עליכם א׳ " צו דערגרייכן די ווײַטע שטערן. דערווײַלע האָט די שיף זיך אָראָפּגעלאָזן מיט אירע 150 מענטשן אויפן פּלאַנעט יופּיטער וואו זיי האָט דערוואַרט אַן אויסערגעוויינלעכע איבערפּראַשונג. זיי האָבן דאָרט געפונען אַ טאָג-בוך געשריבן אויף ייִדיש, מיט אַ צעטל אָנגעשריבן אַזוי :– „זײַט געגריסט ! איר זײַט ניט די ערשטע צו קומען אויף דעם פּלאַנעט !"
>
> ––– ווער איז אָבער דער מחבר פון טאָג-בוך, וואָס שרײַבט ער, און ווי קומט ער אַהין ?
>
> טאָ לייענט ווײַטער :

( המשך פון ערשטן נומער )

... משה-זכריה, דער פאָרטרעטער פון קאַפּיטאַן, וואָס זיצט בײַם הויפּט שׂכל-אַפּאַראַט (קאָמפּיוטער) פון הימל-שיף, איז דערשטוינט פון דער אומגלויבלעכער נײַעס וואָס דער קאַפּיטאַן אברהם בערל בר כּוכבא האָט אים ערשט איבערגעגעבן דורכן קאָמוניקיר אַפּאַראַט .

„משה," ––– האָט דער קאַפּיטאַן טראַנסמיטירט, ––– „מיר האָבן דאָ געפונען אַ לייִדיקן בנין מיט אַ טאָג-בוך געשריבן אויף ייִדיש. מיר קומען גלײַך צוריק צו דער שיף ! רוף צונויף די הויפּט טעכניקערס און וויסנשאַפטס-לײַט צו באַהאַנדלען דעם ענין! גרייט אויך צו דעם קאָמוניקיר-אַפּאַראַט כּדי מיר זאָלן קענען תּיכּף איבערשיקן די נײַעס צום „צענטראַלן ישׂראל אינסטיטוט פון וויסנשאַפט און נוקלעאַרע-ענערגיע (צ.י.ו.נ.) אין ירושלים !"

אין ווייניקער ווי אַ האַלבע שעה איז שוין דער קאַפּיטאַן מיט זײַנע צוויי באַגלייטערס צוריק געווען אויפן שיף, האַלטנדיק אונטערן אָרעם דעם טאָג-בוך, און אין דער צווייטער האַנט אַ צעטל .

„–– לאה," ווענדט זיך דער קאַפּיטאַן צו זײַן ווײַב, די סעקרעטאַרין, „ זײַ אַזוי גוט און הייב אָן לייענען פאַר אונדז פון דעם בוך." זי הייבט אָן :

„צו ערשט אַ קורצע דערקלערונג :
איך האָב אָנגעשריבן דעם דאָזיקן
טאָג-בוך אין דער איצטיקער צײַט,
כּדי די געפינערס פון מײַן בוך
זאָלן קענען בעסער פאַרשטיין און
פילן די לײַדן און מאַטערנישן
וואָס זײַנען מיך באַפאַלן אויף
דער גורלדיקער רײַזע צום
פּלאַנעט יופּיטער ...

✡ ✡
✡

קאַפּיטל ב׳

## די רוסישע עולים

... מ׳האָט מיך ענדלעך באַפרײַט. דאָס חירוסט, די סאָוועטישע רעגירונג האָט אַקצעפּטירט מײַן אַפּליקאַציע אַרויסצופאָרן פון לאַנד און עולה זײַן קיין מדינת ישׂראל.

פאַרוואָס דווקא מיך ? איך בין יונג און אַ כעמיקער דערצו. איך האָב ניט קיין משפּחה, און זיי האָבן ליב צו צעשפּאַלטן משפּחות, אָפּצוזונדערן פרויען און קינדער פון זייערע מענער און טאַטעס. ––– מילא, אַז כ׳האָב אַזאַ מזל, פאַרוואָס זאָל איך זיך באַקלאָגן ? ניט נאָר ווי אַ פרײַער מענטש וועלן זיי מיך אַרויסלאָזן, נאָר זיי האָבן מיר צוגעזאָגט צו באַצאָלן מײַנע רײַזע הוצאות ד.ה. פאָרן פליען, און אויך באַזאָרגן מיך מיט עסן, און ספּעציעלע קליידער פון זייערס אַ „שנײַדער". זיי האָבן מיר אָבער אָנגעזאָגט אַז דאָס זאָל בלײַבן בסוד.

איך קום אַחיים אַ פאַרמאַטערטער, אַן אויסגעזאַפּטער (אָבער דאָך אַן אויסגעלייזטער). כ׳בין ערשט געווען עטלעכע שעה בײַ די דאָקטוירים, צו ווע-מען זיי האָבן מיר געשיקט, צו זען צי אַלץ איז מיט מיר אין אָרדענונג, סײַ אין פיזישן, און סײַ אין גײַסטיקן געזונט. ווען די אונטערזוכונגען זײַנען געוואָרן פאַרענדיקט, איז אַ יונגער רוס צוגעקומען און מיר דערלאַנגט די האַנט, צוגעבנדיק אַז אַלץ איז גוט, און אַז כ׳זאָל פאָרן מיט מזל.

איידער איך לייג מיך שלאָפן, באַטראַכט איך מײַן אָרעם פאַרמעגן. איך וועל מיט זיך מיטנעמען מײַן סידורל מיטן תּנ"ך און מײַן זײַדענע יאַרמלקע וואָס איז געווען מײַן זיידנס יאַרמלקע. די סאָוויעטן וועלן מיך קומען אָפּנעמען אין דער פרי. נאָר איידער איך פאָר, מוז איך מאַכן אַ לחיים מיט דעם ביסל שנאַפּס וואָס עס איז מיר

פאַרבליבן :-- צו אַ נײַ לעבן, צו אַ נײַער וועלט ! -- באַלד וועל איך זײַן אַ פרײַער. כ'האָב מאָרגן אַ לאַנגע רײַזע צו מאַכן, איז לאָמיר זיך אַוועקלייגן שלאָפן ...

---

האַ! וואָס איז ? זיי זײַנען שוין דאָ ? איך קוק אויפן זייגער, עס איז 3 פאַרטאָג. --- „יע, איך קום באַלד !" זאָג איך צו זיי, אַ האַלב-פאַרשלאָפענער.

עס שטייט אין דרויסן אַ גרויסער שוואַרצער לימוזין מיט אַ שאָפער און מיט צוויי פײַנע יונגעלײַט וואָס באַגלייטן מיך. אַהאַ, זיי לאָזן מיך דאָך פאַרזוכן דעם טעם פון מײַן נײַעם לעבן. ווי אַן אמתער אַריסטאָקראַט (אַ קאַפיטאַליסט) פאָר איך אין דעם לימוזין מיט די פאָרהאַנגען איבער די פענצטער.

אָט קומען מיר אָן אויפן לופטפעלד. עס שטייט אויף דער זײַט אַ ריזיקע, מאָדנע, לופטשיף וואָס זיי האָבן מסתמא פאַר מיר ספעציעל באַשטעלט.

זיי פירן מיר אַרויף אויף דער שיף און גייען מיט מיר אַרײַן אין עפעס אַ קאַיוטע (צימער) וואו איך זע בלויז איין אָרט צו זיצן. דאָס מוז זײַן -- טראַכט איך -- די ערשטע קלאַס, און איך דערפיל זיך אַזוי גרויס און וויכטיק.

אָט זײַנען די קליידער. עטלעכע טעכניקערס העלפן מיר זיי אָנטאָן, און דערקלערן מיר אַלץ וואָס כ'דאַרף וויסן. קיין געוויינלעכער אָנצוג איז דאָס ניט. עס זײַנען פאַראַנען אין אים און אויף אים צענדליקער קעשענעס און קנעפלעך, מיט הענטשקעס, שווערע קאַלאָשן, אַז איך קען קוים רירן די פיס, און מיט אַ פעקל וואָס כ'זאָל שפעטער אָנטאָן אויף די פלייצעס. ס'איז אינגאַנצן ווײַס און גלאַנציק, מיט אַ מין גלעזערנעם גלאָבוס („ספייס-העלמעט"). איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך דאָ. גיב איך איינעם אַ פרעג :

„-- פאַרוואָס דאַרף איך טראָגן די דאָזיקע שווערע קליידער?". ענטפערט ער מיר אַז טייל מאָל וועט זײַן גאָר קאַלט, און טייל מאָל וועט זײַן גאָר הייס, און קיין לופט צו אָטעמען וועט ניט זײַן דאָרטן, וואוהין איך פלי. אָן דעם פעקל וועל איך אויסגיין זאָגט ער, און ער לייגט אַרויף דעם גלאָבוס אויף מײַן קאָפ און פאַרשרויפט עס .

איצט דערמאָן איך זיך טאַקע ווי מען הערט דאָ שטענדיק די פראָפאַגאַנדע אַז די לופט אויסער רוסלאַנד איז פאַרפעסטיקט פון קאַפיטאַליסטישע פאַבריקן ... אָבער אַז עס זאָל זײַן אַזוי שלעכט אַז איך קען דאָרט, חלילה, דערשטיקט ווערן --- דאָס האָב איך זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט. די מעשה הייבט מיר ניט אָן צו געפעלן; איך מיין אַז כ'וועל בעסער דאָ בלײַבן איידער דאַרפן אַרומשלעפן די טויט-שווערע בגדים ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר .

אָבער ס'איז שוין צו שפעט. איך שטיי פאַרן שטול און כ'זע ווי די טעכניקערס פאַרלאָזן מיך און הייבן אָן פאַרמאַכן די טיר. איך שרײַ, אָבער זיי הערן ניט צוליב דעם אידיאָטישן גלעזערנעם גלאָבוס וואָס פאַרדעקט מיר מײַן קאָפ און מײַן פנים. איך גיב זיך אַ וואָרף אין דער ריכטונג פון דער טיר, נאָר ס'העלפט ניט. די פיס רירן זיך ניט. זיי זײַנען אַזוי שווער ווי זיי וואָלטן געווען צוגעשרויפט צו דער מעטאַלענער פאָדלאָגע .

מיט אַ מאָל הער איך אַ שטים פון אַ קליינעם הילכער וואָס געפינט זיך אונטער מײַן קאָסטיום. עס שרײַט אויף מיר אַ שטימע אין רוסיש איך זאָל תיכף זיך אַוועקזעצן און זיך צובינדן צום שטול. איך הער באַלד אַ גערויש, און כ'פיל אַ געוואַלדיקע ציטערניש, ווי די וועלט קומט אום. עס קומט פאָר אַ גרויסע באַוועגונג און עס רײַסט מיר אין דער ברוסט און מײַן קאָפ שווימט און אַלץ ווערט שטיל און טונקל און ...

---

... איך פיל עפעס אַ מאָדנע לײַכטקייט. עס דאַכט זיך מיר ווי מײַן גוף מיט דער נשמה ווערן אָרויפגעצויגן. צי בין איך גאָר אויף יענער וועלט ? צי בין איך דאָ אַדורכגעשלאָפן דעם גאַנצן משפט פון בית-דין של מעלה ? ס'איז מיר נאָך אומקלאָר אין די אויגן. איך בינד זיך אָפ. אפשר וועל איך בעסער פאַרשטיין אויב איך שטעל זיך אויף און קוק זיך אַרום. אוי, אוי, איך פלי ... איך בין טאַקע אין הימל, אויף יענער וועלט. איך פלי העכער און העכער, און ... איך גיב מיך אַ קלאַפ אָן אין עפעס מיטן קאָפ .

עס ווערט מיר ווידער פינצטער

אין די אויגן. נאָר איצט איז פאַר מיר אַלץ קלאָר: ס'האָט דער גוטער מזל זיך אָפגעטאָן פון מיר; ס'איז מיר ניט באַשערט צו דערגרייכן מדינת ישראל, און אַפילו ניט דעם עולם הבא און גן-עדן. איך זע שוין אַז איך בין דאָ אַרײַנגעפאַלן אין אַ נעץ פון מאַשינעריע און אָפנאַרערײַ. איך לעב און איך פלי אין

אַ סאָוויעטישער הימל־שיף. דער רבונו של עולם ווייס נאָר וואוהין איך וועל דערפליען ...

אָבער פאַרפאַלן,-- מען מוז זיך נעמען צוריק צום לעבן. איך הייב אָן זוכן יענעם צימער, וואו מען האָט מיר געהאַט פריער אַנגעוויזן, אַז דאָרטן געפינט זיך דאָס עסן וואָס דאַרף מיר קלעקן אויף דער גאַנצער צײַט פון דער רײַזע. פון סופיט וואו איך הענג איצט, גיב איך זיך אַ דריי אַרום, אַ קער איבער, און מיט בײדע פיס גיב איך זיך אַ שטופּ אין יענער ריכטונג פון צימער, און איך פלי ממש ווי אַ פויגל,... און איך שווים ווי אַ פיש, ... און, אוי! איך קען זיך גאָרניט אָפּשטעלן --- און גלײַך אין וואַנט אַרײַן מיט מײַן פּלייצע. צו גיך בין איך געפלויגן, און אַ ביסל צו ווײַט פאַרפאָרן אין דער זײַט.

איך פרוביר נאָך עטלעכע מאָל ביז איך דערגרייך דעם ריכטיקן אָרט. אַזוי ווי נאָר איך עפן די טיר פון עס־צימער, שפרינגט אַרויס אַ קאַץ מיט אַ גלעזערנעם גלאָבוס אויפן קאָפּ און נאָך איר אַ מענטש ענלעך געקליידעט ווי איך. דאָס פנים זע איך ניט גענוי ווײַל דער גלאָבוס פאַרשטעלט עס אַ ביסל.

( המשך אין קומענדיקן נומער )